Rabinovitz, S.
Der Get

№. 13-14

ביכער פאר אלע

דער גט

סצענעס פונ'ם אמאליגען יידישען לעבען

(אין 1 אקט אונ 3 בילדער)

פון שלום עליכם.

פרייז 10 קאפ.

פערלאג „ביכער־פאר־אלע"

ווארשא, דלוגא 11

דרוק י. עדעלשטיין עט קאמפ. נאלעווקי 38

ДЭРЪ ГЭТЪ

т. е. Разводъ.

Сцены изъ еврейской жизни.

(въ I дѣйствіи и 3-хъ картинахъ)

Соч. Шалемъ-Алейхема.

Цѣна 10 коп.

Изд. „Бихеръ-фаръ-алэ," Варшава Долгая 11

ВАРШАВА, 1905.

Тип. И. Эдельштейна и Ко., Налевки № 38.

Rabinovitz, S.
Der Get

דער גט

סצענעס פונ'ם אמאליגען יודישען לעבען

(אין 1 אקט און 3 בילדער)

פון שלום-עליכם.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע" ווארשא

ווארשא תרס"ה

דרוק י. עדעלשטיין עט קאמפ. נאלעווקי 38.

ДЭРЪ ГЭТЪ,

т. е. **Разводъ.**

Сцѣны изъ еврейской жизни.

(въ I-омъ дѣйствіи и 3-хъ картинахъ)

Соч. Шалемъ-Алейхема.

Изданіе „**Бихеръ-фаръ-алэ**" Варшава Долгая 26.

ВАРШАВА, 1905.

Типографія И. Эдельштейна и Комп., Налевки 38.

דאָס אויפפיהרען אויף דער ביהנע אָהנעם וויסען פונ'ם מחבר איז ניט ערלויבט.

די פּאַרשוינען:

שׂרה־חנצי — „אַ נ'אשת חיל".

ראובן־הערש — איהר מאַן, אַ יודע ספר.

עטל — זייער טאָכטער, אַ יונג ווייבעל.

מאטל — זייער איידעם, אַ פיינער יונגערמאַנטשיק.

לוי־בנימין — אַ יונגערמאַן אַ משכיל, מאָטעלס אַ חבר

רב שלום שדכן — אַ ייד אַ שדכן.

רב אַרקע — דער רב פון שטעדטעל.

פרומע־ליבע — די רביצין.

רב זכריה — אַ סופר, אַ ייד מיט אַ גרינגעם שאַל

יידעל דער שמש — אַ ריהרעוודיג יידעל מיט איין אויג.

צוויי עדות

אַמנין יידען

די געשיכטע קומט פאָר אין אַ קליין שטעדטעל אינ'ם פאָהריגען יאָהר־הונדערט.

ק 23766

296.025
R1lige

LIBRARY
UNIV. OF ILL.
URBANA

דאָס ערשטע בילד.

שׂרה־חנצי און ראובן־הערש.

I.

(אין א נעוועגליך צימער, פשוט מעבלירט, אויף דעם אלטען יודעשען אויפ'ן, זיטצט ביי א גרויסען פיערעקעדיגען טיש אויף א ביינקיל. ראובן־הערש איבער א ספר פון די היינטיגע ספרים, שטארק פערטיעפט. ביי דער הרובע זיצט שׂרה־חנצי און ארבייט א זאק מיט גרויס מהירות און דאס קנייל'ען ביימוואל קאטשעט זיך ביי איהרע פיס אויף דער ערד; זי איז פערטיעפט אין דער ארבייט און קיקט אויף די דרעטלעך, וואס טאנצען ארום אין איהרע פינגער.)

שׂרה־חנצי. [צעהלט די אייגלעך פון זאק] איינס צוויי, דריי, פיער, פינף... ראובן־הערש! זעקס, זיבען, אכט, ניין, צעהן... ראובן־הערש!

ראובן־הערש. [הייבט אויף די אויגען פון דעם ספר] הא?

שׂרה־חנצי. האק דיר אין קאפ אריין! צעהן מאהל דארף מען דיך רופען, ביז דו וועסט זיך א מאל אנרופען.

ראובן־הערש. וואס־זשע איז דארטען?

שׂרה־חנצי. וואס זאל זיין? גאר ניט! ער האט זיך אנגע־רעדט מיט'ן נעכטיגען, מע זאל מיך א לעבעדיגע אריין טרייבען, שונאי ציון, אין דער ערד אריין — און גענוג.

ראובן־הערש. שא, א נייעס! וואס נאך וועסט דו (זיך) אויסטראכטען?

שׂרה־חנצי. אויסטראכטען? איך טראכט זיך אויס? א יא, ראובן־הערש? ווער איז נערעכט? דו מיט דעם גיננעדעם דיינעם! ווער איז א הולטייקע? איך! ווער ווערדט אויס־געריסען? — אויסגעריסען זאל איהר ווערען! — ווער פרווירט א גאנץ טאג אין קלייט? — אויסגעפרויהרען זאלט איהר ווערען אלע אינצינגוויים — אלץ איך! אלץ איך! און אז סע קומט צו עפעס, בין איך די שלעכטע! נעה, הארעווע, קריך אין דער ערד! — א שענעם כבוד קאן מען זיך פון איינ דער־לעבען, ברענען זאלט איהר אויפ'ן פייער, ווי מיר ברענט דאס פנים, רבונו של עולם! אז טאג ווי נאכט ווייסט מען נאר זיצען, איבער די שענע ביכלעך און (פאטשקען) אין די נאזעטען! און אז איך קום פון מארק, קוקט מען אויף מיר, ווי אויף דעם הונט, און מע סוד'ט זיך מיט דעם ווייב און מע שושקעט זיך מיט איהר — שו־שו־שו, שו־שו־שו... וואס שושקעט ער זיך מיט איהר? הא? דו מיינסט, איך ווייס ניט, אז ער רעדט פון מיר? האסט מורא איך הער ניט? וואס פאר סודות איז דא פאר א שוויגער? איך פרעג דיך, וואס האט זיך אנ'איידעם צו בעהאלטען פון א שוויגער? ראובן־הערש? ראובן־הערש! (מיט א קוועטש) ראובן־ה־ע־ר־ש!

ראובן־הערש. (כאפט זיך אויף) הא?

שׂרה־חנצי. האק דיר אין מוח! איך רעד און רעד, ווער צע־זעצט רעדענדיג, און ער „האקעט" און „האקעט", גלייך ווי א הונד בילט! אין מיר ווערדט מיין נאל צע־פלאצט, מיין בלוט ווערדט איבער־געזאדען, ווי אנ'אקריפ — און „ער" זיצט זיך מיט א גלאטען לונג און לעבער איבער די ספרים'לעך און איך האווקע און האווקע, טאמער ווייסט דו וואס? א פנים די ספרים'לעך זענען ביי דיר טהייערער פונ'ם ווייב? דאס איז דאך אין גאנצען דיין חיות! און ווער פאהרט

אויף יאַריד? — שָׂרָה־חַנְצִי; ווער וואַרגט זיך מיט אַ קאַרטאָפּלע פאַר אַ גאַנצען טאָג? — דערוואָרגען זאָלסט דו ווערען, ליבער גאָט! — שָׂרָה־חַנְצִי! ס'זאָל איהם אָנהויבען אַ שטעכנער אַרען וואָס דער שיינער געניידעם זיינער, ברענגען זאָל ער, פּאַטשקעט מיך אויף די גאַזעטען... רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! [בייגט זיך אָן צו איהם, אין אויהער אַריין] רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! רְאוּבֵן־הֶערְשׁ!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. [רייסט זיך אָפּ פון'ם סֵפֶר] האַ? האַ? האַ?

שָׂרָה־חַנְצִי. קוק אָן אַביסעל אַ האַקען — האַק דיר אין מֹחַ! איך רעד פון דיין תַּכְשִׁיט, פון'ם געניידעם דיינעם רעד איך, פערחאַפּט זאָל ער ווערען!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. וואָס האָסט דו צו איהם? וואָס האָט ער דיר געטהון?

שָׂרָה־חַנְצִי. וואָס האָסט דו געוואָלט זאָל ער מיר טהון? ער זאָל מיך שלאָגען? ס'איז נעבוך דאָס וואָס ער באַשרייבט מיך אויף די גאַזעטען?

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. ווער האָט דיר געזאָגט אַז ער באַשרייבט דיך אויף די גאַזעטען?

שָׂרָה־חַנְצִי. וואָס דען ליגט ער טאָג ווי נאַכט ביי לאָה דוואָסים, געניידעמיל, וואָס שרייבט אין אַלע בלעטער? צענויפגעקאָמפּאַניעט זיך מיט אַ שאַרלאַטאַן אַ שרייבער און נאָר מע לאַכט און נאָר מע ראָהאָטשעט זיך, און אַז מע דערזעהט מיך, ווערד מען אַנשטומט, שטום און קרום זאָלען זיי ווערען פאַר כָּל־יִשְׂרָאֵל!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. כּלעבען דו טשעפּעסט זיך אומזיסט. מאָטעל איז אַ יונגערמאַן אַ גאָלד! אַזאַ יאָהר אויף מיר.

שָׂרָה־חַנְצִי. אָמֵן, אַזאַ יאָהר אויף אייך ביידען!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. ער איז אַ יונגערמאַן, וואָס קאָן גוט לערנען און לייענען און שרייבען און... און... און...

שָׂרָה־חַנְצִי. און... און... און!... איך דאַרף ניט האָבען קיין שרייבער, וואָס זאָל מיך באַשרייבען! באַליאַפּען!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. טשעפּע זיך אָפּ, ער האָט דיך ניט אַפִילוּ אין זינען!

שָׂרָה־חַנְצִי. וואָס איז! ס'שטעהט איהם אֶפְשֶׁר ניט אָן? איך דאַרף אויף כַּפָּרוֹת אַנ'איידעם וואָס קאָן צופיעל און פאַרשטעהט צופיעל און ווייסט צופיעל!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. וואָס־זשע אַרט עס דיך, אַז ער קאָן צופיעל און פאַרשטעהט צו פיעל און ווייסט צופיעל?

שָׂרָה־חַנְצִי. אַרען אַרט מיך ניט; לאָז ער זיך אָנצינדען! אַבי ער זאָל מיך לאָזען צורוה. ניט פּאַטשקען מיך אויף די גאַזעטען!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. ווער האָט דיר געזאָגט אַז ער פּאַטשקעט דיך אויף די גאַזעטען?

שָׂרָה־חַנְצִי. וואָס דען טהוט ער טאָג ווי נאַכט ביי לאָה דוואָסים געניידעמיל, וואָס אַלע ווייסען, אַז ער פּאַטשקעט אויף די קרויטבלעטלעך, מיין איך אויף די גאַזעטען?

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. [אַרויס פון די כּלים] אַ מַעֲשֶׂה אָהן אַנ'עק מיט דיר! עס וואָלט טאַקי געווען אַ מִצְוָה כּ'לעבען, מע זאָל דיך טאַקי באַשרייבען אין די גאַזעטען, און גוט באַשרייבען, אַזוי אַז דו זאָלסט האָבען צו זינגען און צו זאָגען!

שָׂרָה־חַנְצִי. [רויט פאַר כַּעַס] ניט דערלעבען וועט איהר דאָס ביידע! נאַ דיר אַ מַתָּנָה! [טְראָגט איהם אונטער אַ פייג].

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. עס געזונד! [נעמט דעם סֵפֶר אונטער דער האַנד און געהט אַוועק, טהוט אַ זעץ מיט דער טיהר, פון'ם אַנדערען חֶדֶר לויפט אַריין עט'ל].

2.

שָׂרָה־חַנְצִי און עֶטֶ׳ל.

עֶטֶ׳ל. [איבערגעשראָקען] וואָס איז דער טאַטע אַזוי אין כַּעַס?

שָׂרָה־חַנְצִי. ווייסט איהם דער שוואַרצער יאָהר! דו קענסט איהם ניט דעם כֹּהֵן? ער וויל ניט ליידען לְמַאי דיין מאָטעל איז נֶפֶשׁ־אַחַת מיט דעם שאַרלאַטאַן.

עֶטֶ׳ל. מיט וואָסער שאַרלאַטאַן?

שָׂרָה־חַנְצִי. אָט מיט לאָה דוואָסיס געגיידעמעל, מיט לֵוִי־בִּנְיָמִינֶען.

עֶטֶ׳ל. מיט וואָס איז לֵוִי־בִּנְיָמִין אַ שאַרלאַטאַן?

שָׂרָה־חַנְצִי. איך ווייס מיט וואָס? ער וויל ניט, דער טאַטע דיינער, נאַז דיין מאַנן זאָל זיין באַקענט מיט אַ שְׁלִים מַזָל, וואָס פּאַטשקעט אויף די קרויטבלעטלעך, שרייבט אויף די גאַזעטען מיין איך... ער וויל ניט ליידען, דער טאַטע דיינער, וואָס די שטאָט האַלט דיך אין מויל, דיך און דיין מאַן.

עֶטֶ׳ל. מיין מאָטלען?

שָׂרָה־חַנְצִי. דיין מאָטלען! וואָס מיינסט דו איז דיין מאָטעל? אַ בָּשָׂר וְדָם גלייך מיט אַלע.

עֶטֶ׳ל. וואָס־זשע זאָגט מען אויף מיין מאָטלען?

שָׂרָה־חַנְצִי. מע זאָגט... וואָס אַ שטאָדט קאָן זאָגען! מע שמועסט אַז ער ליגט טאָג ווי נאַכט ביי לאָה דוואָסען נישט אַזוי צוליעב דעם אַיידעם, ווי צוליעב עמיצען אַנדערש.

עֶטֶ׳ל. [אויפגערעגט] לְמָשָׁל צוליעב וועמען?

שָׂרָה־חַנְצִי. איך ווייס צוליעב וועמען? ווייסט זיי דער רוּחַ אַלעמען!

עֶטֶ׳ל. [לאַכט מיט ־עשטשעקעס] חאַ־חאַ־חאַ! לֵיידיגגעהערס, פּוסטעפּאַסניקעס, רְכִילוּת'ניקעס! האָבען שוין ניט וואָס אויסצוטראַכטען!

שָׂרָה־חַנְצִי. אַז מע קלינגט איז אַ חָנָה... ווענט האָבען אויהרען, גאַסען האָבען אויגען!...

עֶטֶ׳ל. [אויפערזיך] הערסט דו, מאַמע, אָט די וואָס זיי קאָנען זאָגען אַזאַ זאַך מעג זיך זיי שטעלען דאָס מויל אויף אַ זייט! אַ הֶדוּשׁ איז מיר נאָר אויף דיר, מאַמע, אַז דו זאָלסט קאָנען גלויבען אַ זעלכעס אויף מיין מאָטעלען...

שָׂרָה־חַנְצִי. זעה נאָר, ווי זי פאַרציהט איהם אַביסעל אויף אַ שטריקעלע: מ אָ ט ע ל ע! מאָ־טע־לע! וואָס איז דאָרט אַזעלכעס? דו מיינסט, אַז ער געהט טאַקע אויס נאָך דיר, טאָכטער, אַזוי ווי דו נאָך איהם?

עֶטֶ׳ל. מאַמע, דו האָסט אין איהם אַ גרויסען טָעוּת, מאַמע! דו קענסט איהם ניט! ער איז...

שָׂרָה־חַנְצִי. אַזוי? הייסט דאָס, ווייסט דו מעהר פון מיר? גוטע יאָהרען! אַז אָך און וועה דער מאַמע! ניטאָ וואָס צו רעדען! מיין טאָכטער ווייסט מעהר פון מיר; זי איז די חֲכָמָה; זי ווייסט אַלעס; נאָר איך ווייס גאָר ניט; איך בין דער נאַרר; איך בין די בְּהֵמָה...

עֶטֶ׳ל. ווער זאָגט דען, מאַמע? איך זאָג נאָר, אַז אַזאַ יונגער מאַנן, ווי מיין מאָטעל...

שָׂרָה־חַנְצִי. [נעהמט די הענד פאָרבאָקאַם] נו?

עֶטֶ׳ל. אַזאַ יונגערמאַן, ווי מיין מאָטעל, דאַרף מען אויספאָהרען די גאַנצע וועלט. וועט מען נישט געפינען...

שָׂרָה־חַנְצִי. [קאַטשעט זאַך] חאַ־חאַ־חאַ־חאַ־חאַ־חאַ־חאַ! אַזוי?

דאָס האָט „ער" דיר אַזוי אײַנגערעדט? אַ יאָ? נו גלײַב איהם, טאָכטער! ער האָט דיר אֶפְשֶׁר נעשוואָהרען אויך? חאַ־חאַ־חאַ־חאַ! האָסט זיך אין איהם אַביסעל צופיעל אײַנגעגלויבט; פיהרט ער דיך בײַ דער נאָז; ווען דו זאָלסט זיך צו איהם אַזוי צו־קוקען, ווי איך קוק זיך צו, וואָלסט דו אֶפְשֶׁר אויך נעזעהן דאָס, וואָס איך זעה.

עטל. וואָס זעהסט דו אויף איהם אַזעלכעס, מאַמע?

שָׂרָה־חַנְצִי. איך זעה?—הַלְוַאי וואָלט קײנער ניט זעהן! מע זעהט שוין!

עטל. [דערשראָקען] וואָס זעהט מען? ווער זעהט? וואָס האָט מען נעזעהן?

שָׂרָה־חַנְצִי. מע האָט נעזעהן דאָס, וואָס קײנער דאַרף ניט זעהן.

עטל. [צעקאָכט] מאַמעניו! האַרצעניו! ליובעניו! איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס האָט מען נעזעהן?

שָׂרָה־חַנְצִי. אַזוי? ווילסט דו טאַקע, אַז איך זאָל דיר זאָגען? אַ שענער כָּבוֹד פאַר דער מאַמע דײַנער, לאָזען דיר אַנדערע זאָגען, טאָכטער מײַנע!

עטל. [וויינט] דו טוטשעסט מיך, מאַמע! איך בעט דיך, זאָג מיר, חאָטש אײן וואָרט, חאָטש אַ האַלב וואָרט, איך בעט דיך, מאַמעניו! האַרצעניו! נְשָׁמָהניו!

שָׂרָה־חַנְצִי. וואָס זאָל איך דיר זאָגען, וואָס? וואָס האָסטו דו זיך צו־געטשעפּעט צו מיר? נעה, לאָז „ער" דיר זאָגען; וואָהין געהט ער אַלע טאָג נאָכ'ן דאַווענען?

עטל. וואָס הײסט וואָהין? צו לֵוִי בִּנְיָמִין, צו לאָה דוואָסי'ס אײדעם, דאָרט לערנען זײ צוזאַמען, לײענען גאַזעטען...

שָׂרָה־חַנְצִי. חאַ־חאַ־חאַ! אַזוי טאַקע? ווער האָט דיר געזאָגט.

מע לערענט דאָרט אינאײנעם און מע לײענט גאַזעטען?!

עטל. וואָס זשע דען טהון זײ? אַדְרַבָּה, זאָג מאַמע, לאָם איך אויך וויסען!

שָׂרָה־חַנְצִי. פון וואַנען זאָל איך וויסען? איך געה איהם נאָך, צי וואָס? איך האָב מעהר נישט, וואָס צו טהון, נאָר נאָכקוקען דעם געניידעם מײַנעם, וואָהין ער געהט. איך זאָג דיר! פראָמענע מעג ער געהן ניט נאָר צו לאָה דוואָסי'ס טאָכטער, אַפִילוּ אין דער ערד אַרײַן, האַרט מיך אויך ניט, אַבי מיר און מײַן קינד זאָל ניט שאַדען!

עטל. מאַמע! דו װײסט נאָר ניט וואָס דו רעדסט! וואָס יענער ווערט די דערצעהלען פִזְמוֹנוֹת נעכטיגע טעג...

שָׂרָה־חַנְצִי. [מיט פייער] הער נאָר, טאָכטער מײַנע, שוין לאַנג ביסט דו געוואָהרען אַזאַ פרעסטאַרעץ, וואָס דו דערצעהלסט מיר מַעֲשִׂיוֹת? וואָס מאַכסט דו מיר אַוועק מיט דער האַנט, פִזְמוֹנוֹת! איך דאַרף זיך בײַ קײנעם ניט נאָך פרעגען; איך פרעג נישט בײַ קײנעם, מע קומט צו מיר אין קלײט אַרײַן און מע דערצעהלט מיר, זאָל איך מיר פאַר־שטעלען די אויהרען? מאָהל דיר אַז אָך און וועה איז מיר, אַז איך זיץ און הער אויס אָט די אַלע שענע מַעֲשִׂיוֹת; איך בין דאָך מעהר נישט ווי אַ מענטש, נו אַ מאַמע איז מַסְתָּמָא נישט אײַנגענומען, אַז מע רעדט אויף איהר קינד; יענעם די מויל פאַרשטעלען קאָן איך ניט און געהן זיך אָפּ קריגען מיט יעדען בעזונדער בין איך אויך ניט משֶׁה־מְחוּיָב, ווי זאָגט מען: „שנײַץ די נאָז און שְׁמִיר דעם פָּנִים"... ס'איז מיר אַוַדַאי נוט, זאָג איך דיר!

עטל. [אויסער זיך] עמיצער האָט דיר אויסגעקלעהרט אַ נעכטיגען טאָג, אַמַאי אַ שׂוֹנֵא מײַנער, און דו גלויבסט!

שָׂרָה־הַנְצִי. [הַייס] אויסגעקלעהרט? אַ שׂוֹנֵא? אָ, כְּשֵׁרָה בְּהֵמָה'לעֶ! נעֶה, העֶר, וואָס מעֶ רעֶדט אויף דעֶר גאַס, אין אַלעֶ הײַזער! דִי גאַנצעֶ שטאָדט האָט צו טהון מִיט מִיר — זאָגט זִי אַ שׂוֹנֵא! מִיר לִיגעֶן בײַ יעֶדען אִין מויל, קִינד און קײַט ווײַסט פוּנ'ם סוד; יעֶדעֶר בעֶזונדעֶר ווײַזט אויף מִיר אָן מִיט'ן פִינגעֶר, און אִין שול העֶר אִיך אונטעֶר מײַנעֶ פּלײצעֶס, ווִי מעֶ שושקעֶט זאַך און מעֶ לאַכט — און זִי זאָגט מִיר, אַז עֶ מ ִ צ עֶ ר האָט אויסגעֶטראַכט! יעֶנעֶר העֶנגט זִיך לאָה דוואָסִי'ס טעֶכטעֶרִיל אויפ'ן האַלז, און זִי זאָגט אויסגעֶטראַכט! עֶ טֶ 'ל. [וויינט] ס'אַלִיגעֶן, מאַמעֶ, ס'אַלִיגעֶן! ס'אַלִיגעֶן!

4.

דִי זֶעלְבֶּע און מָאטֶ'ל.

מָאטֶ'ל. [לויפט אַריין אַ דערשראָקענער] וואָס אִיז? וואָס שרײַסט דו, עֶטעֶלעֶ? דו ווײַנסט? וואָס ווײַנסט דו, עֶטעֶלעֶ? [נעֶמט זִי אָן בײַ דעֶר האַנד, קוקט בייז אויף דעֶר שוויגעֶר].

שָׂרָה־הַנְצִי. [שטעהט אויף] קוק אִיהם אָן אַבִּיסעֶל, ווִי עֶר מאַכט דעֶם אָנשטעֶל; אַ נעֶבעֶכעֶל; גאָט דִי נְשָׁמָה שולדִיג... נעֶמאַכט אַ תֵּל פון מײַן קִינד, אַוועֶק־געֶקוילעֶט, אַראָפּ געֶנומעֶן דעֶם קאָפּ — און האָט אַ „פּאָטעֶפּאַלנעֶסט" פרעֶגעֶן, וואָס זִי ווײַנט?! רוֹצֵחַ! קוילעֶר! מַלְאַךְ הַמָּוֶת אײנעֶר! זאָג מִיר, מִיט וואָס אָטוועֶטשאַיעֶסט דו מִיר פאַר מײַן קִינד, פאַר מײַן קִינד, פאַר מײַן אויג אִין קאָפּ? ווײַן, טאָכטעֶר, ווײַן! וועֶה אִיז דעֶר מאַמעֶ דײַנעֶר! [כאַפּט דִי אַרבּייט, געֶהט אַרויס. און טהוט אַ קלאַפּ מִיט דעֶר טְהִיר].

5.

מָאטֶ'ל און עֶטֶ'ל.

מָאטֶ'ל. [נעֶמט אָן עֶטעֶלעֶן בײַ בײדעֶ העֶנד און וויל אִיהר געֶבעֶן אַ קוש; זִי לאָזט זִיך נִיט און העֶרט נִיט אויף צו וויינעֶן] עֶטעֶלעֶ! טהײַערעֶ מײַנעֶ! זאָג מִיר, וואָס אִיז דאָ אַזעֶלכעֶס? וואָס ווײַנסט דו? אִיך בעֶט דִיך, נְשָׁמָה מײַנעֶ! זאָג מִיר! נו, זאָג כאָטש אײן וואָרט! כאָטש אײן וואָרט!

עֶטֶ'ל. [צוגעֶהט זִיך פאַר געֶוויין] אוי, לאָז מִיך! לאָז מִיך! אוי, געֶה אַוועֶק פון מִיר! אַוועֶק! אַוועֶק! אַוועֶק! [שטופּט אִיהם אָפּ פון זִיך]

מָאטֶ'ל. [טרעֶט אָפּ אַבִּיסעֶל; בלײַבט שטעֶהן; לאָזט אַראָפּ דִי קאָפּ; לײגט צונויף דִי העֶנד און בלײַבט אִין אַ טראַגִישעֶר פּאָזעֶ] רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? [געֶהט צו נעֶהנטעֶר צום ווייב] עֶטֶ'ל! האָב רַחֲמָנוּת!... עֶס ווײַזט אויס אַז דִי שווִיגעֶר האָט שוין ווִידעֶר אָנגעֶרעֶדט אויף מִיר... עֶטֶ'ל! לָמַאי זאָלסט דו פון מִיר פאַרבאָרגעֶן, עֶרשט נעֶכטעֶן האָסט דו מִיר געֶשוואָהרעֶן, אַז וואָס מעֶ וועֶט דִיר זאָגעֶן, וועֶסט דו מִיר באַלד דעֶרצעֶהלעֶן... אַז דו וועֶסט שוין מעֶהר קײן שלעֶכטס אויף מִיר נִישט גלויבעֶן... אַז צווִישעֶן אונז וועֶט תָּמִיד זײַן אַ הײלִיגעֶ לִיעבעֶ אויף אײבִיג... און אַצונד, מײַן טהײַערעֶ, שטעֶה אִיך פאַר דִיר און בעֶט רַחֲמִים, זאָלסט כאָטש אײן קוק טהון אויף מִיר, כאָטש אײן וואָרט מִיר זאָגעֶן, ווִילסט דו נִישט, עֶטֶ'ל! וואו זעֶנעֶן דײַנעֶ שְׁבוּעוֹת? וואו זעֶנעֶן דײַנעֶ נעֶכטִיגעֶ הַבְטָחוֹת, עֶטֶ'ל? [עֶר כאַפּט זִי אַרום און טהוט זִי אַ קוש; זִי רײסט זִיך אויס פון זײַנעֶ העֶנד מִיט כּעַס].

עֶטֶ'ל. אַוועֶק! אַוועֶק צוּ לֵאָה דוואָכוִי'ס טעָכטעֶרעֶל! אַוועֶק פוּן מײַנעֶ אויגעֶן!

מָאטֶ'ל. [פֶּערְשְׁטוינְט] צוּ לֵאָה דוואָסוִי'ס טעָכטעֶריל? וואָס הײַסט דאָס אוּנ וואָס בעֶדײַט עֶס? וואָס איז דאָס פַאר אַ נײַעֶס, האַ?

עֶטֶ'ל. [נִיט הַארְץ] אַ נײַעֶס, זאָגסט דוּ? נעֶה, העֶר, וואָס די שטאָדט רעֶדט!

מָאטֶ'ל. די שטאָדט רעֶדט! וואָס רעֶדט די שטאָדט? אַדְרַבָּה, לאָם איך אויך וויסעֶן?

עֶטֶ'ל. דוּ פְרעֶגסט נאָך? האַ? וואָס געֶהסט דוּ אַהין אַללעֶ טאָג? דוּ מײַנסט, דוּ נאַרסט מיך אָפּ? מײַן ניט, אַז איך בין אַזאַ נאַרר, ווי דוּ מײַנסט; אָ, איך ווײַס שוין! איך ווײַס שוין! צוּ לֵוִי־בִּנְיָמִינְ'עֶן געֶהסט דוּ? אַיאָ? צוּ איהר, צוּ לֵאָה דוואָסוִי'ס קראַסאַוויצעֶ מיט דעֶר רויטעֶר נאָז... אָאָאָ!!! [זִי רַייסְט אויף זִיךְ דִי הָאר אוּנ אִיז אויסֶער זִיךְ].

מָאטֶ'ל. [חַאפְּט זִי אָן בַּיי דִי הֶענְד; נֶעמְט זִי אַרוּם מִיט הַייסֶע פְלַאם־פַייעֶרְדִיגֶע קוּשׁ] עֶט'ל! ליוּבעֶניוּ! וואָס רעֶדסט דוּ? איך? איך? צוּ לֵאָה דוואָסוִי'ס טאָכטעֶר? צוּ אָט דעֶר דאָזיגעֶר? איך ווֶעל דיך פַארבײַטעֶן אויף לֵאָה דוואָסוִי'ס טאָכטעֶר? דיך? מײַן קעֶצעֶלעֶ? מײַן נְשָׁמָה? מײַן לעֶבעֶן? מײַן...? איך...? אָ, איך ווײַס שוין פוּן וועֶמעֶן דאָס וואַקסט! איך ווײַס שוין! דאָס האָט זי אויסגעֶטראַכט! זי! די שוויגעֶר? יאָ, איך ווײַס שוין! איך ווײַס שוין, אָ, זי וויל אוּנז צעֶשײדעֶן! זי וויל מיך אין דעֶר עֶרד אַרײַן טרײַבעֶן אַ לעֶבעֶדיגעֶן! זי האָט זיך געֶנוּמעֶן אויף מיר! עֶרשט הײַנט אין דעֶר פְרִיה האָט זי מיר דעֶרצעֶהלט אוּנ אָנגעֶרעֶדט אויף דיר כָּל הַצָּרוֹת! אַז דוּ האָסט זיך איהר נעֶקלאָגט אויף מיר; אַז דוּ קאָנסט מיך ניט אָנקוּקעֶן, אַז לֵוִי־בִּנְיָמִין האָט אַ שעֶן קוֹל אוּנ קאָן זינגעֶן אוּנ איך ניט; אַז

לֵוִי־בִּנְיָמִין... נאָר איך גלויב ניט, אוּנ דוּ גלויבסט! איך זשאַלעֶווע דיך, אוּנ דוּ מיך ניט; איך האָב דיך ליעֶב אוּנ בין דיר געֶטרײַ ביז לעֶצט, אוּנ דוּ האָסט אַפִילוּ קיין קאָפּ רַחֲמָנוּת ניט אויף מיר!... דוּ האָסט מיר געֶגעֶבעֶן אַ שְׁבוּעָה, אַז דוּ וועֶסט מיך אײביג ליעֶב האָבעֶן, תָּמִיד גלויבעֶן; צוּם סוֹף ווילסט דוּ אַפִילוּ אויף מיר קיין קוּק ניט טוּהן... אָ! איך בין דעֶר אוּמגליקליכסטעֶר מעֶנטש אויף דעֶר וועֶלט!!! [פַאלְט אויף אַ בּיינְקְעל אוּנ וַויינְט].

עֶטֶ'ל. [גֵעהט צוּ אִיהם אוּנ וויל אִיהם טְהוּן אַ קוּשׁ; עֶר לָאזְט זִיךְ נִיט] מאָטעֶלעֶ! גאָט איז מיט דיר! טוּה אויף מיר אַ קוּק דאָס בין איך! דוּ ווילסט מיך ניט? מאָטעֶלעֶ! מאָטעֶלעֶ!

מָאטֶ'ל. [פַאלְט אִיהר אויף דֶעם הַאלְז] עֶטעֶלעֶ!...

עֶטֶ'ל. [מֶע קוּשְׁט זִיךְ] מאָטעֶלעֶ!..

מָאטֶ'ל. [קוּשֶׁענְדִיג] קעֶצעֶלעֶ!

עֶטֶ'ל. [קוּשֶׁענְדִיג] קאָטעֶקעֶל!

מָאטֶ'ל. [קוּשְׁט זִי] נְשָׁמָה מײַנעֶ!

עֶטֶ'ל. [קוּשְׁט אִיהם] לעֶבעֶן מײַנס!

מָאטֶ'ל. [קוּשְׁט זִי] מײַן עֶנגעֶל:

עֶטֶ'ל. [קוּשְׁט אִיהם] מײַן האַרץ!

מָאטֶ'ל. אוּנ דוּ האָסט זיך אויף מיר אַזעֶלכעֶס געֶגלויבט, האַ?

עֶטֶ'ל. אָ, זײַ מיר מוֹחֵל, מאָטעֶלעֶ! דאָס לעֶצטעֶ מאָהל!

מָאטֶ'ל. זעֶה־שעֶ, עֶטעֶלעֶ, דאָס לעֶצטעֶ מאָהל!

עֶטֶ'ל. דאָס לעֶצטעֶ מאָל! דאָס לעֶצטעֶ מאָל!

מָאטֶ'ל. שווֶעהר מיר!

עֶטֶ'ל: איך שווֶעהר דיר!

מָאטֶ'ל. בײַ דײַן לעֶבעֶן?

עֶטֶ'ל. בײַ מײַן לעֶבעֶן!

דאָס צווייטע בילד.

ראובן-הערש און ר׳ שלום שדכן.

I.

(ראובן-הערש זיצט איבער אַ ספר אין דעם זעלבען צימער און איז צעקאָכט. ר׳ שלום שדכן קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין.)

ר׳ שלום שדכן. וואָס זענט איהר אַזוי צעטראָגען. וואָס? מילא וואָס סע מאַכט זיך וואָס? אייער טאָכטער איז ניט די ערשטע איז זי! איהר האָט מורא האָט איהר, זי וועט נישט קריגען קיין אַנדערען וועט זי? בראָד איז ניט אויסגעשטאָרבען בראָד!

ראובן-הערש. וואָס רעדט איהר? איהר ווילט מיר איינרעדען אַ קינד אין בויך? מאָט׳ל איז אַ זעלטענער יונגער-מאַן; אַ זעלטענער קינד, חלעבען, אַ זעלטענער קינד!

ר׳ שלום שדכן. נו, ווער זאָגט דען ווער? ער איז אַוודאי נישט קשה פון אַ יונגער-מאַן איז ער; נאָר מסתמא איז דאָס ניט איהר זיווג מסתמא...

ראובן-הערש. נישט איהר זיווג, זאָגט איהר? וואָס איז וואָס נעהט איהם אָפּ? איך פרעג אייך ר׳ שלום, מיט וואָס איז דאָס נישט גלייך? אַדרבה זאָגט איהר אַליין. [רוקט זיך צו צו איהם].

ר׳ שלום שדכן. [רוקט זיך אָפּ] וואָס קאָן איך זאָגען וואָס?

גט איז דער מזוג זיווגים איז ער; וואָס קאָן ווייסען אַ מענטש, וואָס?

ראובן-הערש. [כאַפּט אָן ר׳ שלום׳ן פאַר די לאַצען און טרייסעלט איהם] גאָט איז מזווג זיווגים זאָגט איהר? איהר קאָנט מיר אַזעלכעס זאָגען? איהר ווייסט דאָך יאָ, וואָס דאָ טהוט זיך, און ווילט מיך אָפּ נאַרען? מ י ך???

ר׳ שלום שדכן. [רייסט זיך אויס פון זיינע הענד אַ דערשראָקענער] לאָזט מיך צו-רוהה לאָזט מיך! וואָס קערט זיך מיט מיר אָן וואָס? איך דאַרף קריכען צו יענעם אין קעשענע דאַרף איך? איך ווייס גאָר ניט איך!

ראובן הערש, [געהט אַרום הין און צוריק] אוי, ווייסט איהר ניט! איהר ווייסט גאַנץ גוט פון מיין שלאַק, פון מיין צרה! איהר מאַכט זיך נאַר, אַז איהר ווייסט ניט!

ר׳ שלום שדכן. יאָ, אָבער וואָס קערט זיך דאָס מיט מיר אָן וואָס? מע האָט מיך געשיקט רופען האָט מען מיך — בין איך געקומען בין איך; מע זאָגט אַ גט, לאָז זיין אַ גט לאָז זיין...

ראובן-הערש. [שטעלט זיך אָפּ] אַ גט זאָגט איהר?

ר׳ שלום שדכן. [קאַלט בלוטיג] נו פאַרשטעהט זיך אַ גט.

ראובן-הערש. [זעצט מיט דעם קולאַק אין טיש אַריין] איך וויל ניט קיין גט! איהר הערט, רב שלום? איך וויל ניט קיין גט! איך וויל ניט! איהר הערט צי ניין?

ר׳ שלום שדכן. איך הער, איך הער; פאַר וואָס זאָל איך ניט הערען פאַר וואָס? „זי“ וויל אָבער, „זי“!

ראובן-הערש. ווער איז די „זי“? וואָס איז פאַר אַ זי? וואָס מיר זי, ווער מיר זי?...

ר׳ שלום שדכן. איך מיין שרה-חנצי מיין איך; אייער שרה-חנצי אייערע.

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. שָׂרָה־חַנְצִי? נוּ, אוּנ וואוּ בִּין אִיךְ?

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [בַּאראַבַּאנְעט מִיט דִי פִינְגֶער אִין טִישׁ אַרַיין] דָאס ווייס אִיךְ נִיט דָאס.

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. וואָס הייסט אִיהר ווייסט נִיט? אִיךְ וועל דֶער־לָאזֶען אַזֶעלכֶעס בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ? אַזאַ רְצִיחָה אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעווָארֶען אוֹיף דֶער הַאלבֶּער וועלט! מֶע זָאל נֶעמֶען קִינדֶער, אַזֶעלכֶע צווייא טהַייֶערֶע קִינדֶער וואָס הָאבֶּען זִיךְ לִיעבּ דָאס הַיוֹת מִיט דֶער נְשָׁמָה, אוּנ פְּלוּצְלִים אִין מִיטֶענדרִינֶען אָפּגֶעטִין זַיי, צֶעשַׁיידֶען זַיי, צֶערַייסֶען זַייֶער גְלִיק אוֹיף אֵייבִּיג! פַאר וואָס? פַאר ווען? פַאר וועמֶעס זִינד? [עֶר טְרַייסְעלְט ר׳ שָׁלוֹם׳ן פַאר דִי לַאצְען].

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [רַייסְט זִיךְ אוֹיס] וואָס בִּין אִיךְ שׁוּלדִיג וואָס? וואָס הָאט אִיהר צוּ מִיר וואָס?

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. [מִיט גְרוֹיס פַייֶער] אַזאַ צַאצְקֶע! אַזאַ יוּנגֶערמַאן! נוּ, אוּנ אִיךְ וועל דָאס צוּזֶעהְן אוּנ אָפּ־שְׁווייגֶען? הַא? וואָס מֵיינְט אִיהר זִיךְ? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ פָאטֶער! אִיךְ בִּין דָאךְ דֶער פָאטֶער! אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אוֹיךְ אַ שְׁטִיקֶעל דֵעָה, צִי נֵיין? הַא? אִיךְ וועל לָאזֶען, מֶע זָאל מֵיין קִינד פִיהרֶען פַאר אַ קָרְבָּן? אוּנ וואוּ בִּין "אִיךְ"? פְרֶעג אִיךְ אַייךְ. ר׳ שָׁלוֹם, וואוּ בִּין "אִיךְ"? [עֶר ווִיל אָנְחַאפֶּען ר׳ שָׁלוֹם׳ן פַאר דֶעם לַאץ].

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [רִיקְט זִיךְ אָפּ] אִיהר זֶענְט נֶערֶעפֶּט אִיהר, וואָס אֱמֶת אִיז אֱמֶת, ר׳ ראוּבֵן־הֶערשׁ; אִיהר זֶענְט אַוַדאי נֶערֶעפֶּט זֶענְט אִיהר; הייסט נֶעבֶּען אַבִּיסֶעל בְּרָאנפֶען אוּנ עֶפֶּעס פַארבַּייסֶען אוֹיךְ; אִיךְ הָאבּ נָאךְ הַיינטִיגֶען פְרִיה־מָארגֶען אִין מֵיין מוֹיל נִיט גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ. [מֶע טְרָאגְט אַרַיין אַ פְלֶעשֶׁעל ווַיין מִיט פַארבַּייסֶען].

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [גִיסְט אָן] לְחַיִים, ר׳ רְאוּבֵן־הֶערשׁ, לְחַיִים! לָאז

נָאט גֶעבֶּען בֶּעסֶערֶע נֶעשֶׁעפְטֶען לָאז עֶר... לְחַיִים! לְחַיִים! [עֶר מַאכְט אַ כּוֹסָה].

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [אַ כּוֹסָה] פֶע, ר׳ רְאוּבֵן־הֶערשׁ, פֶע־פֶע!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. [טְרִינְקְט אַ־קָאפּ] אָבֶּער גָאר אוֹיף אַנ׳אַנדֶערֶע אוֹפ׳ן "פֶע", ר׳ שָׁלוֹם!

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [טְרִינְקְט] זֶעהר פֶע! זֶעהר פֶע!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. [נָאךְ אַ־קָאפּ] אָבֶּער טַאקֶע, ר׳ שלוֹם, וואָס פֶע הייסט!

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [נָאךְ אַבִּיסֶעל] פֶע־פֶע־פֶע! בִּיז׳ן עֶק אַרַיין פֶע!

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. [אַבִּיסֶעל פֶערְשַׁמַאכְט] וואָס ווייסט אִיהר, ר׳ שָׁלוֹם ווִי פֶע דָאס אִיז, וויפִיעל אִיהר ווייסט פֶע, אִיז אֲפִילוּ קֵיין שְׁמִינִית שֶׁבִּשְׁמִינִית, קֵיין צֶעהְן־טוֹיזֶענְד חֵלֶק אֲפִילוּ! דָאס אִיז אַזאַ מִין פֶע, וואָס זִינְט דִי וועלְט שְׁטֶעהְט אִיז נָאךְ אַזאַ פֶע נִיט גֶעווֶען!

ר׳ שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [מַרְאָה כֹּהֵן; שָׁאקֶעלְט צוּ מִיט׳ן קָאפּ אוּנ שְׁמֵייכֶעלְט] אִיךְ ווייס. ר׳ רְאוּבֵן־הֶערְשׁ; ס׳אִיז שְׁטַארְק פֶע! אִיהר דַארְפְט מִיר נִיט דֶערצֶעהלֶען אִיהר; אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ דִי אֵייגֶענֶע מַכָּה אִיךְ; פּוּנקְט אַזאַ צָרָה פּוּנקְט, אוּנ אֶפְשָׁר נָאךְ עֶרגֶער אֶפְשָׁר.

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. דָאךְ אִיז מִיט אַ נַאנג; נִיט אַזוֹי ווִי בַּיי מִיר, אוֹי וואָס ווייסט אִיהר, וואָס ווייסט אִיהר? קֵיינֶער ווייסט נִיט, ר׳ שָׁלוֹם! אָט דָא לִיעגְט דָאס בַּיי מִיר, [ווַייזְט מִיט׳ן פִינְגֶער אוֹיף דֶעם הַארְצֶען], אָט דָא, טִיעף—טִיעף!... אוּנ פַאר וואָס? פַאר ווען? [בֵּייגְט אַיין דִי קָאפּ] שׁוֹין עֶטלִיכֶע אוּנ צְוואַנצִיג יָאהר, אַז אִיךְ קוּם אָפּ אוֹיף דֶער וועלְט... עֶטלִיכֶע אוּנ־צוואַנצִיג יָאהר בִּין אִיךְ אִין גֵיהִנָם... שִׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵיהִנָם... אוֹיף הַייסֶע סְקָאוורֶעדֶעס בְּרָאטֶען מֵיין לֵייבּ... קָאלִיסְטרָאִי, ר׳ שָׁלוֹם, קָאלִיסְטרָאִי טְרַייבְּט זִי מִיךְ דְרַיי מָאל אִין טָאג...

אָהן אַ שוּם רַחֲמָנוּת ... קַיין גוּט וואָרט כִּמְעַט פוּן דער ערשטער שָׁעָה, אַ ווערטעלע אויסצורעדען עטליכע אוּנ צוואַנציג יאָהר! ...אָט וואו מע דאַרף אַ גֶט, ר' שלום! [קוּקט זיך אַרוּם מיט שְׁרֶעק] אָט וואו מע וואָלט בעדאַרפט אַרוּפפיהרען אויף אַ גֶט! ...

ר' שָׁלוֹם שַׁדְכָן. אַוַדַאי גֶט! [גיסט אָן אַ כּוֹסָה] בַּיי מיר אויך די איינענע צָרָה בַּיי מיר... [עס קוּמט אָן שָׂרָה־חַנְצִי].

2.

די זעלבע אוּנ שָׂרָה־חַנְצִי.

שָׂרָה־חַנְצִי. [פליהט אַריין, ווי אַ וויכער אוּנ בּלייבּט שטעהן אין מיטען שטוּב; אַ פּליעסק מיט די הענד] ראוּבן־הערש! וואָס איז דאָ בַּיי דיר פּליצלים פאַר אַ יוֹם־טוֹב? גאָט איז מיט דיר, ראוּבן־הערש! ווען צייט האָבען נאָך דעם גט פאַרטרינקען... [קוּקט אין דעם לייריגען פלעשעל אַריין] נעמענט איבערלאָזען אַביסעל אויף שפּעטער... ווענט נאָך האָבען גענוג צייט צו טרינקען, אוּנ איהר אויך, ר' שָׁלוֹם! אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם צוּם צווייטען קָנַסמאָל אוּנ צו דער אַנדערער חַתוּנָה בַּיי אוּנזער טאָכטער... נאָר לאָז שוין גאָט געבען מיט מעהר הַצְלָחָה, ניט אַזאַ געניידעם, ווי איהר האָט מיר געגעבען, ר' שָׁלוֹם!...

ר' שָׁלוֹם שַׁדְכָן. [לעפּעטשעט מיט דער צינג] איך בעט אייך שָׂרָה־חַנְצִי... איהר זענט דאָך... אַ... אַ... איך מיין טאַקע בֶּאֱמֶת מיין איך... אַ... אַ... ווי זאָגט ער, אַ... אַ... אַ... אִשָׁה צְנוּעָה. אַ...

שָׂרָה־חַנְצִי. [ווייזט זיי אויף דער טיהר; זיי גייען בּיידע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אוּנ זי גייט זיי נאָך] נוּ, גייט שוין גייט!

שוין אַלעס פאַרטיג... דער רָב האָט געשיקט צו מיר דעם שַׁמָשׁ... דער גֶט איז שוין צוּם שרייבען... נוּ, ריהר זיך שוין, ראוּבן־הערש, ריהר זיך! קוּק איהם אָן אַביסעל, ווי ער פלאָנטעט מיט די פִיס... אין מיטען דרינען זעצט מען זיך אַוועק חלעפּטשען ווייַן... [שטילערהייד] פיאַוועקעס זאָלען טרינקען אייער בּלוּט בּיידע... האָט זיך צענויפגעקאָמפּאַניעט מיט דעם דאָזיגען זולל וסובא'ניק אוּנ מע האָט אויסגעראָמט, וואו ס'איז דאָ אַ שטיקעל לעקאַך אין שאַפע, עסען זאָלען אייך ווערעם בּיידע אייער לייב, זיסער גאָט!...

3.

מָאטֶ'ל אוּנ לֵוִי־בִּנְיָמִין.

(פריהער קוּמט אַריין מָ א טֶ ' ל, פאַלט אויפ'ן בּיינקעל אוּנ בּלייבּט זיצען אין אַ טראַגישער פּאָזע, בּאַלד נאָך איהם קוּמט אַריין לֵוִי־בִּנְיָמִין מיט אַ שמייכעלע.)

מָאטֶ'ל. [וויינט אוּנ רייסט אויף זיך די האָר] פאַר פינצטערט בּין איך געוואָרען! אַזאָך אוּנ וועה איז מיר, אַז איך דאַרף מיין ע ט ל ע ן געבען גֶט!

לֵוִי־בִּנְיָמִין. וואָס־זשע האָסט דוּ געוואָלט? אַז ע ט ' ל זאָל ד י ר געבען גֶט?

מָאטֶ'ל. יאָ? דוּ לאַכסט? דוּ טרייבסט קאַטאָוועס? אַצוּנד?

לֵוִי־בִּנְיָמִין. וואָס דען? משוּגענער, וואָס קלאָגסט דוּ? וואָס האָסטו דוּ זיך צעיאַחמערט, ווי אַ יידינע? אַדְרַבָּה זאָג!

מָאטֶ'ל. וואָס־זשע דען? טאַנצען זאָל איך?

לֵוִי-בִּנְיָמִין. אַוַדַאי טאַנצען! ... דו וועסט פָּטור פון אַזאַ שווינגער, ווי שָׂרָה-חַנְצִי, מעגסט דו נעווים געהן טאַנצען ... ווער קאָן זי ניט? איך בין באַוואָהרענט, אַז דו וועסט דאָ אָפּ-זיין נאָך אַ האַלב יאָהר אין שטוב; וועט דיך דיין שווינגער פּאַטשען, אַזוי ווי זי פּאַטש דעם שווער דיינעם, אָט דעם עהרליכען טיפוש, וואָס איז ערגער פון איהר, אַז ער לאָזט זיך אַזוי טרעטען מיט די פּיס.

מָאטָל. ס'איז דיר גרינג צורעדען, יאָ; זאָלסט אָבער זיין אויף מיין אָרט, וואָלסט דו...

לֵוִי-בִּנְיָמִין. איך זאָל זיין אויף דיין אָרט, לעקעש, וואָלט איך מיך אויפ'ן דריטען טאָג געגט און געפּטרט אַנ'עול פונ'ם קאָפּ! — איין מאָל פאַר אַלע מאָל! [ער שפּאַנט אַרום איבער'ן שטוב].

מָאטָל. [פאַרטראַכט] זיך געגט? ... נו, און עט'ל? אַך לֵוִי-בִּנְיָמִין! ... וואָס ווייסט דו, וואָס ווייסט דו, ווי טייער, ווי ליב זי איז מיר!?...

לֵוִי בִּנְיָמִין. [שפּאַנט אַרום הין און צוריק] קוק איהם אָן אַבוסעל, ווי ער מאַכט דאָס הַוָיוֹת, די ליבע האָט זיך אין איהם צעפּלאַקערט! ווער מיר ליבע! וואָס מיר ליבע? וואָס האָסט דו זיך איינגעבילדעט, משוגענער? אַ שענע ליבע, אַז די מאַמע קאָן זי אַרויספיהרען צעהן מאָל אין טאָג אויף געט? אויך מיר אַ ליבע! חאַ-חאַ-חאַ!

מָאטָל. מעגסט דיר לאַכען וויפיעל דו ווילסט, און דאָס, וואָס דאָס האַרץ פיהלט? [ער כאַפּט זיך בײ'ם האַרצען].

לֵוִי-בִּנְיָמִין. חאַ-חאַ-חאַ! וואָס פיהלט דאָס האַרץ? וואָס?... ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, ווי אַ פויק, און שרייט אויף אַלע גאַסען ליבע! גלאַט. סע ווילט זיך דיר שפּיעלען אַ ראָמאַן, נעמסט דו אַליין אויף זיך צָרוֹת

מיט שלעק!... נו, ווילסט ניט קיין געט? ווי דו ווילסט זיך! זייץ דאָ! אָט וועט באַלד קומען דער אַשְׁמְדַאי, די שווינגער דיינע, און וועט דיך אַריין לייגען ניין איילען אין דער ערד אַריין און וועט אָנשטעלען די טאָכטער, אַז זי זאָל דיר וואַרפען דעם געט פאַר די פּיס, און נאָכדעם וועט איהר זיך איבער-בעטען, צעקושען, און שפּעטער מיט צוויי טעג ווידער די זעלבע געשיכטע, ביז פון דיין געליבטער וועט ווערען אַ מין שָׂרָה-חַנְצִי און פון דיר אַ מין רְאוּבֵן-הֶערְשׁ שָׂרָה-חַנְצִי'ס... אַ לעמעשנע... אַ שענער סוֹף!... שעם זיך! [לֵוִי-בִּנְיָמִין רוקט אָן מָאטְל'ן דאָס היטעל ביז איבער די אויהרען] אַ פיינער יונגער מאַן! אַ יונגער-מאַן ביסט דו? א ווייבעל ביסט דו? אַ יידינע! מאָטעל די יידענע! „סענדעריל די יידינע"; חאַ-חאַ-חאַ! דו געדיינקסט „סענדעריל די יידינע" ביי אַבראַמאָוויטשען? חאַ-חאַ-האַ! „שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב עַל הַסַּפְסָל"—אַז סענדעריל די יידענע איז געזעסען אויפ'ן בינקעל אונטערגעבונדען מיט אַ טיכעל די ציין, „וְקוֹלֵף קאַרטאָפליס"—און האָט געשיילט קאַרטאָפליס — חאַ-חאַ-חאַ!

מָאטְ'ל. גוט איז דיר צו לאַכען! דו האָסט זיך אַריין געחאַפּט אין אַ שטוב צווישען לייט, ניט צווישען אַזעלכע, ווי איך בין אַריין...

לֵוִי-בִּנְיָמִין. האָסט אַ גרויסען טָעוּת, מאָטעל, איך האָב שוין דיר טויזענד מאָל געזאָגט, אַז סע ווייזט זיך דיר אוים. גלייב מיר, ברודער, אַז איך קום נענוג אָפּ; ניט אַזוי פיעל, וויפיעל דו, פאַר שטעהט זיך; אָבער קיין האָניג לעק איך אויך ניט... סע ווילט זיך מיר אַזוי זיצען און קוועטשען די באַנק, אַזוי ווי דיר גלוסט זיך אַצונד געהן טאַנצען; נאָר וואָס זאָל מען טוהן? מ י ר ז ע נ ע ן אַ י י ד ע מ'ס, מאָטעל, מיר זענען איידעמ'ס!... מע האָט אונז גענומען פאַר אַ ציירונג

אין שטוב אַרײַן, מע האָט אונז גענעבען ווײַבער און מע זאָגט אונז: געהט קינדערליך צוויי מאָל אין טאָג אין שול אַרײַן! טוהט אײַך דאָרט וואָס איהר ווילט, אַבי לאָזען לײַט זאָגען, אַז איהר זענט שענע אײדעמלעך, זײַדענע יונגע־לײַט — און מיר, קעלבלעך, לאָזען זיך פיהרען פאַר'ן שטריקעל, טהון טהוען מיר גאָר ניט, עסען לאַסקאַווע ברויט, טונעיאַדצעס, פוסטעפּאַס־ניקעס! און אַזוי געהן אַוועק טעג מיט יאָהרען, עס ווערדט אַ קינד און צוויי... און מיר, קאָן זײַן, וואָלט זיך גאָר געגלוסט אַצונד זײַן ווײַט ווײַט פון דאַנען, ערגעץ אין אַדעס אָדער אין אַ פּ ע ט ע ר ב ו ר ג... שטודירען... עך, ברודער, ניטאָ וואָס צורעדען, מאָטעל, מיר זענען בײדע גוט אין דער נעץ; מיר איז אַביסעל בעסער, דיר איז ערגער — געה־זשע, נאַרעלע, פּלאָנטע זיך אַרוים, ביז דו קאָנסט נאָך, — ווײַל שפּעטער גאָט ווײסט?... קום שוין קום, מאָטעל, מאַך זיך ניט נאַרעש!... [ער נעמט אָן מאָטעלען בײַ דער האַנד, זיי געהען אָפּ].

ענדע פון צווייטען בילד.

דאָס דריטע בילד.

(קומט פאָר בײַ אָרקע דעם רב אין שטוב, וואָס איז איבער געצאָמט מיט אַ רעדנע אויף צוויי צימערען: אַ „זאַאַל' מיט אַ „קעך', אין „זאַאַל' שטעהט אַ שאַפּע מיט ספרים, אויף דעם טיש ליעגט אַ „יורה־דעה" מיט אַן „אבן־העזר"; אַ קאַנאַפּע בעצויגען מיט קעסטעלדיגען ציטץ; אַ מזרח אויף דער וואַנד; אַ זייגער מיט אַ קוקושקע, אַ טיזלוק מיט אַ טיליפיל פון פּיה מיט ווײַדעלעך, אַ שטרײַמעל; אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ געלען אונטער־שלאַק; די רעביצינ'ס יופּע אויף וואַטע; אַ גרויסע קוואַרט מיט אַ פּיטשנאַסען האַנדטוך מיט אַ פּאָמױניצע און מיט אַ בעזעם).

I.

פרומע־ליבע די רביצין און שׂרה חנצי.

רביצין. זיצט, שׂרה־חנצי, זעצט זיך צו, וואָס שטעהט איהר?

שׂרה־חנצי. [מיט'ן בארעמס אויף איין אַרבעל] נישט קשה, איך קאָן באַשטעהן. [זי סמאַרעט מיט דער נאָז].

רביצין. וואָס אַרט אײַך, שׂרה־חנצי? אָט שטעהט אַ בענקעל, נעמט זעצט זיך צו; ביז דער גט וועט נאָך פאַרטיג ווערען, וועט אַ ביסעל נעדויערען. — אָך־אָך־אָך [זי לײגט די קאָפּ אויף די צוויי פינגער און שאָקעלט זיך].

שׂרה־חנצי. אָך־אָך־אָך! [זי מאַכט פּיסקעס אויף צו וויינען און זעצט זיך צו מיט אַ זייט אויף דעם שפּיץ בענקעל].

רביצין. [מיט רחמנות] למאי זאָלט איהר זינדיגען, שׂרה־חנצי? מסתמא איז דאָס אַ באַשערטע זאַך? מסתמא הײסט דער אויבערשטער, הקדוש ברוך הוא, — ברוך הוא וברוך שמו! מסתמא איז דאָס נישט קיין זיווג...

שָׂרָה־חַנְצִי. [ווִישְׁט זִיךְ דִי אוֹיגֶען אוּנ שְׁנַייצְט דִי נָאז] נִישְׁט קֵיין זִיווּג, זָאגְט אִיהר? אוֹי פְרוּמֶענִיו—נְשָׁמָהנִיו! אִיהר קָאנְט מִיךְ דָאךְ נִיט פוּן נֶעכְטֶען אוּנ נִיט פוּן פָאר אַ יָאהרֶען... אִיךְ קָאן דָאס אַייךְ נָאר אַזוֹי פִּיעל נִישְׁט לַמְנַצֵחַ זַיין, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער ווִי אַנ׳אֵייגֶענֶע שְׁווֶעסְטֶער, ווֶען אִיהר זָאלְט ווִיסֶען, ווִי אַזוֹי עֶר בַּאַגֶעהְט זִיךְ מִיט מֵיין טָאכְטֶער, מִיט מֵיין לֵייבּ אוּנ פְלֵיישׁ, ווָאלְט אִיהר אַלֵיין גֶעזָאגְט, אַז... אַז עֶס אִיז אוֹיף מִיר אַ „מַחֲזִיר נְשָׁמוֹת״, עֶפֶּעס אַ מִין פּוּרְעָנִיוֹת פוּן זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען, עֶפֶּעס אַנ„עוֹכֵר יִשְׂרָאֵל״ אִיז עֶר, נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַ מְשׁוּמָד נִיט דָא גֶעדַאכְט, אִיךְ ווֵיים? אַנ׳אוֹיסווֶערְפְלִינג, אַ„נִשְׁמַת כָּל חַי״, אַ ווִילְדֶע חַיָה רָעָה, אַ ווָאוְוקֶעלַאקֶע!...

רֶבֶּצִין. [שְׁמַיצֶערְט מִיט דִי לִיפֶּען אוּנ מַאכְט מִיט דֶעם קָאפּ] מֶען זָאל נָאר בֶּעהִיט ווֶערֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פוּן דֶער גַאנְצֶע ווֶעלְט, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ! סֶע אִיז זִיךְ עֶפֶּעס נָאר אַנ׳אָנְשִׁיקֶענֶעס אִיז דָאס! אַ מַכָּה בְּכוֹרָה פוּן מִצְרַיִם!

שָׂרָה־חַנְצִי. [מִיט הִי׳׳ץ] פוּן מִצְרַיִם, זָאגְט אִיהר? פוּן סְדוֹם זָאג אִיךְ אַייךְ! פוּן סְדוֹם! עֶפֶּעס אַ מִין, אַ מִין... וָרָחֲצוּ! אַ פִּיפֶּערְנָאטֶער, ווָאס אִיז דוֹרֵם מִיט׳ן קוּק, אַ לִינְדֶענְווָארֶעם, ווָאס לִיעגְט אִין חָרֵיין אוּנ מַייגְט, אַז סֶע אִיז נָאר קֵיין זִיסֶערֶעס נִיטָא אוֹיף דֶער ווֶעלְט! עֶר לִיעגְט אוּנ טָאטְשֶׁעט, ווֶערֶעם זָאלֶען טָאטְשֶׁען זַיין לֵייבּ אִין דֶער פִינְסְטֶער, לִיעבֶּער גָאט!

רֶבֶּצִין. בֶּעהִיט מִיךְ גָאט, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ [זִי הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגֶען מִיט דִי הֶענְד צוּ דֶער סְטֶעלִי] אִיךְ ווֵייס? אִיהר דַארְפְט נָאךְ דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבֶּען דֶעם ווָאס לֶעבְּט אֵייבִּיג, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, ווָאס אִיהר ווֶערְדְט פָּטוּר פוּן אַזַא צָרָה שֶׁלֹא תָבֹא!

שָׂרָה־חַנְצִי. אִיךְ ווֶער פָּטוּר? סֶע קָאסְט מִיךְ קַארְג בְּלוּט! ווָאס רֶעדְט אִיהר, פְרוּמֶע־לֶעבֶּען, אַ ווֶערְטֶעלֶע, אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּהן, חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אָנְגֶעטוֹיטְשֶׁעט זִיךְ, אוּנ ווָאס, אִיךְ בֶּעט אַייךְ? אַצוּנד, גֶעה טוּה נָאךְ אַמָאל אַ שִׁידוּךְ, ווִידֶער אַנַאנְדֶערֶעם, אַ צִירוּנג אִין שְׁטוּבּ אַרֵיין, אַנ׳עֲבוֹדָה־זָרָה, אַ לַעֲשׂוֹת־נְקָמָה׳נִיק, אַ בֵּייזֶער שְׁטֶעהרֶען... שְׂשַׂא, אָן גֶעהְט עֶר דֶער תַּכְשִׁיט מַיינֶער, לָאס אִיךְ זִיךְ בַּאהַאלְטֶען, פְרוּמֶע־לֶעבֶּען, בַּיי אַייךְ אִין קֶעךְ, מַיינֶע אוֹיגֶען זָאלֶען אִיהם נִיט אָנְקוּקֶען אִין זַיין טְרֵפָה׳נֶעם פַּרְצוּף. אַ סַכָּנָה אִיהם אִין פָּנִים אוֹיף דְרֵיי יָאהר מִיט אַ הַאלְבֶּען!... [זִי גֶעהְט אַוֶועק אִין צְווֵייטֶען צִימֶער].

·2

ר׳ אָרקע דער רב (קומט אריין געשווינד, וואשט די הענד. זאָגט „אשר יצר״ אויף אַ קול אונ זעצט זיך אוועקגען אויף דער קעס־טילדיגער קאנאפע מיט גרויס פאראד; נאָך איהם געהט אריין ר׳ זכריה סופר אונ שטעלט זיך אָן א זייט; נאָך דעם סופר געהען נאָך צוויי עדות, אונ דער שמש טראָגט אריין דעם גט מיט א גרויסען גלעזערנעם טינטער אין וועלכען סע שטעקט א געגנזענע פעדער; עס הויבען אָן אריין צוקומען איינציג ווייס אלערליי יידען; הויכע אונ נידעריגע, אלטע אונ מיטעלע, שווארצע אונ געלע — ביז עס קלייבט זיך צונויף א מנין, אונ לוי בנימין אונ ר׳ שלום שדכן, אונ ראובן הערש, קומען אָן בעזונדער. פרומע ליבע די רבצין הויבט אויף דעם פארהאנג פון דער קעך־טיר אונ לאָזט אריין עטלעך, וואָס געהט טריט ביי טריט אָן גערוקט דאָס טיכעל ביז דער נאָז; פון דער טיר קומט אריין מאָטעל בלאס אונ צעטראָגען; דער שמש ווייזט זיי זייערע ערטער; ר׳ אָרקע דער רב איילט זיך אונ שנייצט אויס די נאָז אונ איז זיך מכין צום סדר הגט.)

דֶער רָב. [נֶעמְט דֶעם גֶט] דוּ, סוֹפֵר זְכַרְיָה בַּר טוֹבִיָה, אִיז דָאס דֶער גֶט, ווָאס דוּ הָאסְט דָא גֶעשְׁרִיעבֶּען, הָאסְט דוּ גֶעשְׁרִיעבֶּען?

דֶער סוֹפֵר. [קְרַאצְט זִיךְ אִין דֶער גֶעדְרֶעכְטֶער בָּארְד] יָא.

דער רָב. קאָנסט דו דעם גט און האָסט דאָ אַ סימן מובהק?

דער סופֿר. יאָ.

דער רָב. האָט דיר דער בַעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, געגעבען דאָס פּאַרמעט, דעם טינט און דאָס ט י נ ט ע ר'ל און דאָס גאַנצע שרייב-געצייג פֿאַר די עֵדים?

דער סופֿר. יאָ.

דער רָב. האָט דיר געהייסען דער בַעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, אַז דו זאָלסט דעם גט שרייבען לִשְׁמוֹ וְלִשְׁמָהּ וּלְשֵׁם גירושין?

דער סופֿר. יאָ.

דער רָב. האָסט דו אַזוֹי גערעדט אַז דער גט וואָס דער בַעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה האָט געשריבען, איז געשריבען לִשְׁמוֹ וְלִשְׁמָהּ וּלְשֵׁם גירושין?

דער סופֿר. איך האָב גערעדט, אַז דער גט וואָס דער בַעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה האָט געשריבען איז געשריבען לִשְׁמוֹ וְלִשְׁמָהּ וּלְשֵׁם גירושין?

דער רָב. [צו די עדות] האָט איהר געהערט פֿונ'ם מגרש, משה מרדכי בר אפרים מנשה אַז ער האָט מבטל געווען אַלע מודעות, און אַז דער גט וואָס ער האָט געשריבען איז געשריבען לִשְׁמוֹ וְלִשְׁמָהּ וּלְשֵׁם גירושין?

די עדות. [ביידע צו זאַמען, איינער אויף אַ גראָבער און דער אַנדערער אויף אַ דינער שטימע] יאָ.

דער רָב. האָט איהר געזעהן, אַז דער מגרש, משה מרדכי בר אפרים מנשה האָט מוסר געווען דעם טינט און פּען און דאָס ט י נ ט ע ר'ל, כּדי דער גט וואָס ער האָט געשריבען זאָל זיין געשריבען לִשְׁמוֹ וְלִשְׁמָהּ וּלְשֵׁם גירושין?

די עדות. יאָ.

[מע דעקט אָפּ עטלען די פּאַטשיילע].

דער רָב. דו, חיה ע ט ע'ל נ ע נ ע נ ד ע ל בת ראובן הערש, ווילסט דו מקבל זיין דעם גט פֿון דיין מאַן משה מרדכי בר אפרים מנשה פֿון גוטען ווילען, אָהן אונס און אָהן תּנאי?... זאָג יאָ.

עט'ל. [שווייגט אַ היבשע ווילע ביז יודעל דער שמש טוהט זי אַ טאָרק ביים אַרבעל] יאָ.

דער רָב. האָסט דו געטאָהן אַ נדר, אָדער אַ שבועה, אָדער אַן'איסור? זאָג ניין!

עט'ל. [שאָקעלט מיט'ן קאָפּ] ניין—ניין!

דער רָב. האָסט דו גערעדט מעולם אַ דבור, אָדער אַ שבועה אָדער אַן'איסור ס'זאָל דעם גט ניט מזיק זיין?... זאָג ניין!

עט'ל. [מיט טרעהרען] ניין!

[יודעל דער שמש פֿיהרט צו מאָטלען].

דער רָב. דו, דו משה מרדכי בר אפרים מנשה, ווילסט דו געבען דעם גט דיין ווייב חיה עטעל נענענדעל בת ראובן הערש פֿון דיין גוטען ווילען אָהן אונס און אָהן תּנאי? זאָג יאָ.

מאָטעל. [דרעהט אויס דעם קאָפּ צו עטלען און זיפֿצט; יודעל דער שמש טוהט איהם אַ שטורך פֿון הינטען מיט דעם עלינבויגען, ער שאָקעלט מיט דעם קאָפּ אויף „ניין" און זאָגט „יאָ"] יאָ!

דער רָב. האָסט דו גערעדט מעולם אַ דבור, אָדער אַ שבועה אָדער אַן'איסור ס'זאָל דעם גט ניט מזיק זיין?... זאָג ניין!

מאָטעל. [רוקט זיך צו נעהענטער צו עטלען; דער שמש נעהמט איהם אָן פֿאַר די אַקסלען און פֿיהרט איהם אָפּ אַביסעל ווייטער] ניין! איך האָב געוואָלט זאָגען... [ער וויל עפּעס זאָגען ווייטער, טוהט איהם דער שמש אַ ציה ביי דער האַנט].

דֶער רָב. [גִיט אִיהם אִיבֶּער דֶעם גֶט ־עַל פִּי דִין] נָא דִיר דֶעם גֶט, הַאלט אִיהם, בִּיז אִיךְ וועֶל דִיר זָאגֶען... [דֶער רָב וֶוענְדֶט זִיךְ שׁוֹין צוּ עֶטלֶען] גִיבּ אִיהם אָפּ דִי כְּתוּבָּה אָדֶער זַיי אִיהם מוֹחֵל. טוּה אוֹים דָאס פִינגֶערֶעל, ס'זָאל נִיט זַיין קֵיין שׁוּם חֲצִיצָה, אוּנ דֶער אַרבֶּעל זָאל נִיט אָנרִיהרֶען, דִי הֶענט הֵייבּ אוֹיף, אוּנ זָאלסט זַיי נִיט פַאר מַאכֶען, בִּיז אִיךְ וועֶל דִיר זָאגֶען... [צוּם עוֹלָם] ווער סֶע הָאט עֶפּעֶס אַ פְּסוּל אוֹיפְ'ן גֶט, זָאגט!...

דֶער עוֹלָם. [שְׁוַויגְט מִיט שְׁטִיל שְׁוַויגֶענֶעם].

דֶער רָב. דוּ מֹשֶׁה מָרְדְכַי בַּר אֶפְרַיִם מְנַשֶּׁה, הוֹיבּ אוֹיף דִי הֶענדט הֶעכֶער פוּן דַיין ווַייבּ.

מָאטְ'ל. [רוּקְט זִיךְ צוּ צוּ עֶטלֶען אוּנ פַאר קוּקְט אִיהר אוּנְטֶערֶען טִיכֶעל; בֵּיידֶע יוּנגֶע מֶענְשֶׁען וַוייְנֶען אוּנ שְׁלִינְגֶען דִי טְרֶערֶען].

דֶער רָב. דוּ, מֹשֶׁה מָרְדְכַי בַּר אֶפְרַיִם מְנַשֶּׁה, זָאג מִיר נָאךְ וואָרט אִין וואָרט, זָאג. „הֲרֵי זֶה גִּיטֵּךְ"...

מָאטְ'ל. [עֶר וַוארְגְט זִיךְ] הֲרֵרֵי זְזֶזֶה גְגְגִיטֵּךְ!...

דֶער רָב. „וְהִתְקַבְּלִי גִּיטֵּךְ"...

מָאטְ'ל. [מִיט אַ קְווִיטְשׁ] וְהִתְקַבְּלִי גִיטטטֵּךְ! —

דֶער רָב. „וּבוֹ תְּהְיִי מְגוֹרֶשֶׁת..."

מָאטְ'ל. וּבוֹ תְּהִי מְגגגגוֹרֶשֶׁת!

דֶער רָב. „מִמֶּנִּי מֵעַכְשָׁיו"...

מָאטְ'ל. [מִיט אַ יָאהֶמֶערלִיךְ גֶעוויין] מִמְמְמֶנִּי מֵעַכְשָׁיו!

דֶער רָב. „וַהֲרֵי אַתְּ"...

מָאטְ'ל. [חְלִיפֶּעט ווִי אַ קְלֵיין קִינְד] !...!... וַהֲהֲרֵי אַתְּ! [דֶער גֶט פַאלְט פְלִיצוּם אַרוֹיס פוּן זַיינֶע הֶענְט אוּנ מָאטְ'ל פַאלְט עֶטְלֶען אוֹיפְ'ן הַאלְז — אוּנ דָאס פָאר פָאלְק וֶוערְט אוּמְגֶערִיכְט צֶענוֹיף גֶעגָאסֶען אִין אַ לַאנגֶען הַייסֶען, פְלַאם־פַייֶערְדִיגֶען קוּשׁ]..................

....

דֶער עוֹלָם. [בְּלַייבְּט לְכַתְּחִילָה פַאר שְׁטוּינְט, אָפּהֶענְדִיג, אָהן לָשׁוֹן, קוּקֶען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען אוּנ אַלֶע צוּזַאמֶען אוֹיף דֶעם רָב.]

אִי — אָ — נוּ — פֶע!...

דֶער רָב. [אִין אֵיינִיגֶע מִינוּט אַרוּם] נוּ נוּ! אַ מַעֲשֶׂה! אַ מַעֲשֶׂה! [קְנֵייטְשְׁט מִיט דִי פְּלֵייצֶעם] אִיךְ בִּין שׁוֹין דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּאלד זִיבֶּען אוּנ דְרַייסִיג יָאהר רָב אוּנ הָאבּ שׁוֹין אוֹיף מַיין לֶעבֶּען גֶענוּג פַארלֶעךְ אָפּ גֶעגֶט, הָאט זִיךְ מִיר נָאךְ אַזאַ מַעֲשֶׂה נִיט פַארלָאפֶען! אַ מַעֲשֶׂה! אַ מַעֲשֶׂה! נוּ נוּ!!!

דִי רֶבֶּצִין. [קוּקְט נִיט אוֹיף קֵיינֶעם] מִן־הַשָּׁמַיִם! מִסְתָּמָא אִיז דָאךְ דָאס אַ זִיווּג מִן־הַשָּׁמַיִם פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ...

ר' שָׁלוֹם שַׁדְכָן. מַזָּל טוֹב! יִידֶען, זָאגְט מַזָּל טוֹב, יִידֶען! אוּנ שְׁטֶעלְט מַשְׁקֶה שְׁטֶעלְט!

דֶער עוֹלָם. [אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען] מַזָּל־טוֹב! מַזָּל־טוֹב! מַזָּל־טוֹב!

דֶער סוֹפֵר. ר' רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! ר' רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! שִׁיקְט נָאךְ מַשְׁקֶה, ווֶעלֶען מִיר טְרִינְקֶען „לְחַיִּים".

דֶער עוֹלָם. נָאךְ מַשְׁקֶה! נָאךְ מַשְׁקֶה! יוּדֶעל, מַשְׁקֶה בְּרֵיינְג צוּ טְרָאגֶען!

יוּדֶעל דֶער שַׁמָּשׁ. אָט גֶעה אִיךְ! אָט לוֹיף אִיךְ! וואָס זָאל אִיךְ בְּרֵיינְגֶען אוֹיף צוּ פַארְבַּייסֶען?

ר' שָׁלוֹם שַׁדְכָן. בְּרֵיינְג קִיכְלֶעךְ בְּרֵיינְג, אוּנ הֶערִינְג בְּרֵיינְג, אוּנ אַבִּיסֶעל דַארֶע קִישְׁקֶע אַבִּיסֶעל...

רְאוּבֵן־הֶערְשׁ. [צוּ שָׁלוֹם שַׁדְכָן] נוּ, ר' שָׁלוֹם! וואָס הָאבּ אִיךְ אֵייךְ גֶעזָאגְט? אַיאָ? ווער אִיז גֶערֶעכְט, ר' שָׁלוֹם? הָא ר' שָׁלוֹם? נָא דִיר נָאר גֶט'ן זִיךְ?!

ר' שָׁלוֹם. אָבֶּער מַיין רַחַ"שׁ מַיינֶער? ר' רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! מִיר קוּמְט רַחַ"שׁ מִיר! אַ שַׁדְכָן אַז עֶר שְׁטֶעהְט אֲפִילוּ פוּן דֶער זַייט אַ שַׁדְכָן, קוּמְט אִיהם שׁוֹין אוֹיךְ שַׁדְכָנוּת קוּמְט

אִיהם! וואָס זאָגט אִיהר, ר׳ אָרְקֶע, נִיט אַזוֹי, וואָס? עֶ ל עֶ ה ײַ!
אַ נײַעֶר שִׁידוּך עֶ ל עֶ ה ײַ!... [צום שַׁכְשׁ] אונ פַאַרגעֶסט נִיט,
רֶבּ יוּדעֶל, דאַרעֶ קִישקעֶ, לְמַעַן־הַשֵׁם קִישקעֶ דאַרעֶ!
דֶער עוֹלָם. [אַסַף קולות] וואו אִיז אַהִינגעֶקוּמעֶן דאָס פּאָר־
פאָלק? וואו זעֶנעֶן זײַ? האָסט דוּ געֶהעֶרט
אַ׳אַקצִיעֶ? חאַ־חאַ־חאַ! אַ קאָמעֶדיעֶ! אַ רײַנעֶ קאָמעֶדיעֶ!
[האַלְטֶען זִיךְ בַּיי דִי זֵייטֶען לאַכֶענְדִיג].

לֵוִי־בִּנְיָמִין. [צוּ מָאטְלֶען] מַזָל־טוֹב דִיר, מאָטעֶל! ווער ס׳אִיז
דִיר מְקַנֵא דעֶר זאָל אַלײַן נִיט האָבעֶן... אִיךְ האָבּ דִיר שׁוֹין
פאַרזאָרגט אוֹיף אײַבִּיג... [צוּם עוֹלָם] אַ קאָמעֶדיעֶ זאָגט אִיהר?
ס׳אִיז טאַקִי צוּמאַכעֶן פוּן אײַךְ אַ קאָמעֶדיעֶ! ס׳וועֶט זִיךְ געֶ־
פִינעֶן אַזעֶלכעֶר וואָס וועֶט אײַךְ אַמאָל באַשרײַבעֶן, מאַכעֶן פוּן
אײַךְ אַ קאָמעֶדיעֶ...

שָׂרָה־חַנְצִי. [עֶרְשַׁיינְט פוּן יֶענֶער זַייט פָאהרְהַאנְג. צוּם מַאן]. רְאוּבֵן־הֶעְרְשׁ,
דוּ העֶרסט? האָבּ אִיךְ דִיר געֶזאָגט אַז עֶר וועֶט
אוּנז בײַא שרײַבעֶן אוֹיף דִי גאַזעֶטעֶן אָט דעֶר בָּלבּוֹנִיק!?
[בְּעַוְויֵיזְט מִיט דִי קוּלאַקֶעס אוֹיף לֵוִי בִּנְיָמִינֶען אונ אוֹיף מָאטְלֶ׳ן אונ לָאוְט זִיךְ
צוּ דֶער טִיהר].

פ אָ ה ר ה אַ נ ג

ליטעראַטור־וויסענשאַפט.

אין צוויי טייל

פערפאַסט פון **א. ב. ראזענשטיין**, רעדאַגירט דורך **מ. קרינסקי**.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפט גיעט אַ פאָלקאָמענעם בעגריף וועגען די אַלגעמיינע ליטעראַטור בכלל און יידישע בפרט. זי בעטראַכט יעדע ליטעראַטור־פאָרם בעזונדער און ערקלערט איהר בעגריף און אינהאַלט, לויט די פערשידענע מוסטערן פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפט איז דעריבער אונגעהויער נוצליך פאַר יעדען, וואָס וויל זיך בעקענען מיט דער שענער ליטעראַטור אין אַלע איהרע פאָרמען, כדי צו זיין אימשטאַנד זעלבסטשטענדיג אָבצושעצען דעם ווערט פון יעדען ליטעראַרישען ווערק.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפט איז געשריבען אין אַ לייכטער אַנציהענדער שפּראַך און ענטהאַלט אַ גאַנצע זאמלונג ווערק פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפט קאָן דעריבער דיענען אי אַלס לעזע־בוך, אי אַלס לעהר־בוך אין שוהל און הויז צום אויסלערנען שרייבען מיט אַ ריינעם, גוטען ליטעראַרישען סטיל.

פאָרלויפיג איז אַרויס פון דרוק דער ערשטער טייל.

פרייז 40 קאפּ. פּאָרטע 8 קאָפּ.

די אַבאָנענטען פון „ראָמאַנצייטונג", וועלכע שרייבען אויס דירעקט פון רעדאַקציע, האָבען פריי פּאָרטע.

עס דרוקט זיך און אין גיכען

ווערט ערשיינען דער צווייטער טייל.

פערלאַג „ביכער־פאַר־אַלע" וואַרשע, דלוגע 11.

טעלעפאָן 87־90.